# די באַלאַדע פון מיין אומעט

הכלל, עס איז אומעטיק, ליבע ברידער.
הירש לייבל, מיין פעטער, דער זייפנזידער
איז טויט שוין דריי און דרייסיק יאָר
און ער, ווי מיר ווייסן, איז דאָך געווען
קיין עין־הרע אַן עסער טאָקע, —
איז אוודאי פון גאַנצן שור־הבר
איבערגעבליבן פאַר אונדז אַ מכה —
שוין אָפגערעדט פון געפילטער קישקע.

וואָלט מען כאַטש געהאַפּט אויף דעם לויתן,
האָט אים מיין באָבעס ערשטער חתן
שוין אוודאי אויפגעגעסן אַליין.
געווען אַ דימענט, ווי מיין באָבע דערציילט,
ער פלעגט אפילו די גוים בענטשן,
נאָר צוליב אַ שטיקל פיש מיט כריין
האָט ער איינמאָל שיר נישט געקוילעט אַ מענטשן
ביי זיין טאַטנס צווייטער חתונה.

ווענן יין המשומר — ווענן אַזעלנע זאַכן
איז שוין בעסער די צונג זיך נישט קאַליע מאַכן —
(די בלאָנדע גראָבע מאַריאַשע, מיין אַם,
ווי מען שרייבט פון דער היים, איז אויך שוין טויט) —
סיידן דער יין המשומר פליסט אויבן
אין אַ מולטער אַזאַ, וואָס איז גרויס ווי דער ים.
נאָר אַפילו דעמאָלט איז שווער צו גלויבן,
אַז אַ גויע זאָל עפּעס איבערלאָזן,

הכלל, עס איז אומעטיק, ליבע ברידער,
עס קומט אוים כאָטש לייג זיך אַליין אַנידער
און שמייס זיך, וואָס דו ביסט געווען אַזאַ נאַר
און געלאָזן זיך פאַרלויפן דעם וועג.
כאָטש מיין קאָזין וואָס וואוינט ביי מיר אויפן בוידעם,
ווען ער הערט מיך ריידן — שטראָפט מיך דערפאַר:
מען קאָן נישט — זאָגט ער — שטאַרבן קודם,
איידער מען שטאַרבט. ס'איז נישט מעגלעך, זאָגט ער,

און מיין קאָזין דאַרף מען, מוז מען גלויבן.
ער איז דאָך אַליין שוין פון בוידעם אויבן
אַרונטערגעפאַלן אַמאָל ניין, —
און דווקא אין מיטן נאַכט, ווען ער שלאָפט,
פאַלט ער אַלע מאָל אַרונטער.
עס דאַכט זיך שיר, אַז דאָס הויז פאַלט איין
און צו דעם איז ער גלאַט נישט קיין געזונטער,
אַ וואַסער-קאָפּ האָט ער, נעבעך.

נאָר פון דעם איז דאָך צו זען ווידער
אַז ווי לאַנג מען האָט אַ פּאָר גאַנצע גלידער
דאַרף מען זיך, הייסט עס, פּלאָגן אויף דר'ערד.
אָט נעמט מיין זונעלע טאַקע — זעט,
זיצט, דאַכט זיך, אין זיין אייגענעם טייכל
און שרייט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרהערט
מיט אַ גוי וואָס טרינקט זיך: אוודאי דאָס בייכל
אים טוט וויי — מיין קינד, מיין גאָלדנס.

נאָר וואָס איז דער וואונדער, אַז שמירעכץ פון רעדער
עסט ער שוין, אָדער גלאַט שטיקער לעדער,
פאַרדאַרטע בוים-קאָרע אַ שטיק

ווען ער דערטאַפּט — איז יום טוב ביי אים.
ער וועט נאָך, קאָן זיין, אַמאָל קונצן ווייזן,
ווי מיין שוואָגער איצקע דער באָלשעוויק.
יענער שלינגט דאָך גאַנצע לענדער
אַזוי ווי אַ שוואַרצקינצלער שטיקער אייזן.

נאָר יענער שרעקט זיך שוין טאַקע פאַר גאָרנישט
און אים אַרט נישט — זאָגט ער — וואָס מען טאָר נישט.
ווען ער וועט — זאָגט ער — אין הימל אַריין,
וועט ער זיי פאַרקאָכן אַ קאַשע דאָרט,
אַז עס וועט זיי פינצטער ווערן אין די אויגן.
און אויך מילך צו דער קאַשע וועט מוזן זיין,
אויב ניט — זאָגט ער — וועט ער זיך זעצן זויגן
אויפן שוים ביי דער מאַטקע באָזשע אַפילו.

פון אַזוינע רייד וואָלט אַמאָל אַנטלאָפן
אַ שד — אויב אים וואָלט נישט דער שלאַק געטראָפן.
היינט מאַכט מען זיך אָבער גאָרנישט דערפון;
אַ צייט אַזאַ. אָט נעכטן ביים ים
האָט איינער מיט הענט ווי משוגענע ווינטן
זיך איינגעשפּאַרט דווקא, אַז די זון
איז נישט אַנדערש — דעם בוראס גאָלדענער הינטן
וואָס ער ווייזט אונדז אַלע פאַרנאַכט פון אויבן,

נאָר עס גייט דאָך אַלצדינג קידער-ווידער:
אָט — מיין שכן זרחי מאַכט איבער דעם סידור,
ער מיינט צו העלפן מיט דעם דער וועלט,
וואָס ער מעקט דעם אתה נאָך ברוך אוים
און שטעלט אַריין אָן אָנכי דאָרטן.
ער האָט שוין אויך — פרייט ער זיך — באַשטעלט

ברכות נייע פון די פיינסטע סאָרטן
ביי דער פירמע מענטשל זיימוויכל רוקזיך.

נאָר אזוי, צי אזוי, — דערוווייל שלאָפט ווידער,
אזוי ווי א האָלצהעקער א מידער
מיטן קאָפּ אויף דער פויסט און אויף דער האַק
א גאַנצע קראַנקע צעבראָכענע וועלט.
און די אַלטע באָביצע — דאָס לעבן,
קלייבט ווידער שפּענדעלעך אין זאַק
און דער בער — די מעשה וואָס גאָט האָט געגעבן
צו פאַרשפּילן קינדער, וואָס וויינען עסן, —

און דער הויפנאַר שפּילט זיך מיט מיץ און גלעקלעך
ווי דער שוסטער מיט זיין האַמער און פלעקלעך;
און דורך אַלע הויפן האַנט אין האַנט
גייט זיך דער גולם מיטן פּאָעט
און זיי שרייען דאָס ליד פון דער גאָלדענער פּאַווע
און דאָס ליד פון דער הייליקייט פון לאַנד.
און אדם — אויב נאָר אים דערלאַנגט דאָס חוה,
פרעסט ער, ווען ס'איז אפילו שטאָלמיסט — — — —